# פרשת כי תשא י' – ט"ז אדר תשע"ה לפ"ק

*יום ראשון פרשת כי תשא*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יהונתן בנימין** נ"ו בן הר"ר **מענדל באנדא** הי"ו (ב"פ, בן הר"ר **עקיבא באנדא** הי"ו, וומסב"ג). **אחר התפלה השמיע רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יהושע הערש גלויבער** הי"ו (בן הר"ר **חיים יעקב גלויבער** הי"ו, וומסב"ג). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן השיחה:*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען משה רבינו האט געזעהן אז יודען האבען געזינדיגט ביים חטא העגל, האט ער אויסגערופן, מי לה' אלי, ויאספו אליו כל בני לוי. און ער האט זיי געזאגט, מען זאל גיין הרג'ענען די אלע וואס האבען געדינט צום עגל. און משה רבינו האט זיי געזאגט, מלאו ידכם היום לה' (שמות לב-כט), פילט ענק אן די הענט היינט פארן אייבערשטען, כי איש בבנו ובאחיו, ווייל יעדער פון ענק האט מקנא געווען קנאת ה' בבנו ובאחיו. עס איז א שווער לשון, מלאו ידכם היום לה'. וואס האט ער געוואלט ארויסברענגען אז מען זאל זיך אנפילען די הענט פארן אייבערשטען. - אין די ספרים הק' שטייט, אז די ראשי תיבות פון די ווערטער מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה, איז מיל"ה. משה רבינו האט דא מרמז געווען די מצוה פון מילה. וואס איז דער קשר פון די מצוה פון מילה, צו דעם וואס די בני לוי האבען מקנא געווען קנאת ה'.

**עס** קען אפשר זיין, די גמרא (גיטין נז:) זאגט, אויף דעם פסוק (תהלים מד-כד) כי עליך הרגנו כל היום, אז דאס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. דער פשוט'ער פשט דערפון איז, אז מצות מילה איז א מצוה וואס איז פארבינדען מיט מסירת נפש. מען נעמט א קינד פון אכט טאג, און מען מל'ט אים פארן אייבערשטען. קיין שום טאטע מאמע וואלט נישט געלאזט מאכען א קליינע חבלה אין א קינד, און כל שכן אדורך גיין א ברית מילה פארן אייבערשטען, איז עס אן ענין פון מסירת נפש.

**אבער** אין הייליגע ספרים שטייט נאך מער, עס איז נישט נאר די מסירת נפש פון יעצט, בשעת מען מל'ט דאס קינד, נאר מיט די מצוה פון מילה לייגט מען אריין אינעם קינד א כח פון מסירת נפש פאר זיין גאנצע לעבן. א מענטש ווערט ערוואקסען, און ער האט נסיונות אין זיין לעבן, ווי ער דארף אסאך מאל האבען מסירת נפש. מסירת נפש מיינט נישט דווקא זיך צו הרג'ענען, נאר יעדע רצון וואס א מענטש דארף מבטל זיין פארן אייבערשטען, און ער דארף זיך מתגבר זיין דערויף, איז א בחינה פון מסירת נפש.

**פון** ווי האט א יוד דעם כח פון מסירת נפש, דאס נעמט זיך פון דעם וואס עלטערן האבען געמל'ט דאס קינד. קליינערהייט האט מען פון אים פארגאסען בלוט פארן אייבערשטען, מיט דעם געבט מען אריין א כח אין דעם קינד, אז ווען עס וועט אויספעלן, זאל ער קענען פארגיסען זיין בלוט פארן אייבערשטען. 'כי עליך הרגנו כל היום', דאס וואס מען הרג'עט זיך פארן אייבערשטען יעדן טאג, צו אויף די גאס, צו אין שטוב, צו אין מסחר, אדער אויף א צווייטען אופן, 'זו מילה', דאס איז די כח פון מילה, וואס מען מל'ט א קינד.

**שבט** לוי האט געדארפט האבען מסירת נפש, צו גיין הרג'ענען די אלע וואס האבען געדינט דעם עגל. האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע (דברים לג-ט). פון ווי נעמט זיך די כח, אז מען זאל קענען הרג'ענען א טאטע, און א ברודער, און מען זאל נישט קוקען אויף גארנישט, נאר זיך אננעמען פאר כבוד שמים. דאס נעמט זיך פון דעם וואס די בני לוי האבען זיך געמל'ט, און די כח פון מילה געבט אריין מסירת נפש, אז מען זאל קענען טון זאכען וואס איז אומפארשטענדליך. - מלאו ידכם היום לה', דאס וואס משה רבינו האט געהייסען, אז מען זאל זיך נעמען אין די הענט אריין, און אויספירען וואס מען דארף טון פאר די עובדי עבודה זרה, פון ווי האט מען די כח דאס צו טון. מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה' איז די ראשי תיבות מיל"ה. דורך די כח פון מילה, וואס איז דא אינעם מענטש, האט מען א כח אויף מסירת נפש.

**ווען** מען שרייבט ארויס דאס ווארט 'יד' מיט די מילואים, יו"ד דל"ת, איז די מספר פון דאס אות יו"ד צוואנציג, און די אות דל"ת איז פיר הונדערט פיר און דרייסיג, און צוזאמען איז עס פיר הונדערט פיר און פופציג, אזויפיל וויפיל דאס ווארט חות"ם. ברית מילה ווערט אנגערופן א חותם, ועל בריתך שחתמת בבשרנו. האט משה רבינו געזאגט, מלאו 'ידכם', טוטס אנפילען דעם ווארט י"ד, יו"ד דל"ת, וואס דאס איז דער חות"ם פון ברית מילה וואס מען האט אויף זיך, כי איש בבנו ובאחיו, אזוי וועט איר קענען אויספירען דאס מסירת נפש וואס מען דארף האבען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אייזיק אפפעל** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (דיני סעודת פורים או"ח סימן תרצ"ה). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וועל ענדיגען מיט א דבר אגדה, בשייכות מיט דעם רמ"א (או"ח תרצה-ב), אז פורים זאל מען עסן זרעונים, א זכר אויף דניאל וחבריו בבבל, וואס האבען געגעסן זרעונים. - דעם שבת איז געווען פרשת זכור, און מען האט געליינט אין די תורה די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק (דברים כו-טו), און די הפטורה האט מען געזאגט די פרשה אין נביאים, וואס דער אייבערשטער האט געהייסען פאר שאול המלך אז ער זאל הרג'ענען עמלק, און פורים וועט מען ליינען מגילת אסתר וואס איז א חלק פון כתובים, און עס איז אויך דער ענין פון מחיית עמלק.

**אין** די גמרא (מגילה ז.) שטייט, אז אסתר האט געשיקט צו די חכמים, קבעוני לדורות, אז מען זאל איר קובע זיין לדורות. און רש"י טייטשט, אז י"ד און ט"ו זאל מען מאכען פאר א יום טוב, און מען זאל ליינען די מגילה. און די חכמים האבען געזאגט, אז מען וועט מעורר זיין קנאה ביי די אומות העולם, אז מיר פרייען זיך, אז מען האט גע'הרג'עט די גוים. האט זי געענטפערט, כבר כתובה אני על דברי הימים למלכי מדי ופרס, איך בין שוין פארשריבען אין די היסטאריע ביכער פון מלכי מדי ופרס. די גוים ווייסען פונקטליך די מעשה, און עס וועט נישט ברענגען קיין קנאה פון דעם וואס מען וועט עס מאכען פאר פורים. און די חכמים האבן נאכגעגעבן, און מען האט קובע געווען פורים.

**נאכדעם** האט זי געשיקט א צווייטע בקשה, כתבוני לדורות, איך וויל אז מען זאל אפשרייבען די מגילה, און עס זאל ווערן א חלק פון די כתבי קודש. אזוי ווי עס איז דא אנדערע מגילות, זאל מען דאס אויך אריינלייגען. האבען די חכמים אויף דעם געענטפערט, אז דאס קען מען נישט טון, ווייל עס שטייט אין פסוק (משלי כב-כ) הלא כתבתי לך שלישים, אז נאר דריי מאל וועט דערמאנט ווערן די ענין פון מחיית עמלק, שלישים ולא רבעים, מען קען נישט צוגעבן א פערטע. די דריי מאל זענען, די פרשה פון ויבא עמלק אין פרשת בשלח, די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק, און די פרשה פון שאול המלך. עד שמצאו לו מקרא כתוב בתורה, ביז מען האט געטראפען א רמז אינעם פסוק, כתוב זאת זכרון בספר (שמות יז-יד). מען קען יא צושרייבען די מגילת אסתר, און עס איז נאך אלץ דא דריי. ווייל פרשת בשלח מיט פרשת כי תצא וועט מען רעכענען פאר איינס, דאס איז 'כתוב זאת', די תורה. 'זכרון' גייט ארויף אויף די ווערטער פון נביאים, און 'בספר' גייט ארויף אויף מגילת אסתר. און מען האט טאקע געשריבען מגילת אסתר, און עס איז נכלל געווארן אין די חמש מגילות.

**רש"י** אין די מגילה טייטשט, אז דער פסוק (אסתר ט-לב) ומאמר אסתר קים דברי הפורים האלה ונכתב בספר, גייט ארויף אויף די גמרא. 'ומאמר אסתר', אסתר האט פארלאנגט, 'קים דברי הפורים האלה', קבעוני לדורות, אז מען זאל קובע זיין דער יום טוב

פון פורים. 'ונכתב בספר', און זי האט אויך געבעטן די צווייטע בקשה, כתבוני לדורות, אז די מגילה זאל פארשריבען ווערן לדורות אין די כתבי קודש.

**און** מען קען צושטעלן דערין נאך א קנייטש, ווייל די גמרא דרשנ'ט אז מען קען שרייבען די מגילה, ווייל עס שטייט דאסווארט 'בספר', כתוב זאת זכרון בספר. זאגט מען, 'ומאמר אסתר קים את דברי הפורים האלה', וואס אסתר האט פארלאנגט מקיים צו זיין די דברי הפורים, 'ונכתב', דאס איז געשריבען, 'בספר', אין דעם ווארט ספר. דאס וואס עס שטייט אין די תורה, כתוב זאת זכרון 'בספר', דאס איז א רמז, אז מען קען פארשרייבען די נס אויף א מגילה.

**עס** קען זיין נאך א טעם, פארוואס מען רופט אן די נס פון פורים, הלא כתבתי לך שלישים. דער נס פון פורים הייבט זיך אן ביי די צווייטע העלפט פון די מגילה, פון ווען גידל המלך אחשורוש את המן, און ער איז געקומען מיט די גזירה, און מען האט מבטל געווען די גזירה. אין די גמרא (מגילה יט.) איז דא א מחלוקת פון ווי מען דארף אנהייבען צו ליינען די מגילה, איינער זאגט פון תקפו של מרדכי, איינער זאגט פון תקפו של המן, און מיר נעמען אן, פון תקפו של אחשורוש. מען דארף אנהייבען צו ליינען די מגילה פון אנהייב, פון ויהי בימי אחשורוש.

**פארוואס** דארף מען אנהייבען צו ליינען די מגילה פון ויהי בימי אחשורוש, וואס איז א נפקא מינה וואס עס איז געווען פאר די נס פון פורים. אז ער האט געמאכט א סעודה, און אז מען האט געהרג'עט ושתי. די עיקר איז דאך די צווייטע העלפט, אז ושתי איז געהרג'עט געווארן, זאל זיין וואס די סיבה זאל זיין, און אסתר איז אריינגעקומען אין שטוב, און עס איז געווארן נאכדעם די גזירה פון המן, און מען האט עס מבטל געווען, דאס איז דאך די עיקר פונעם נס. פארוואס איז דא אן ענין צו ליינען אויך די ערשטע חלק פון די מגילה. מוז דאך על כרחך זיין, אז אין די ערשטע חלק פון די מגילה, ליגט אויך אן ענין וואס געהערט צו די נס.

**די** מגילה איז צוזאמגעשטעלט פון דריי בריוון וואס איז ארויסגעגאנגען פונעם בית המלך. דער ערשטער בריוו איז ארויסגעגאנגען, ונשמע פתגם המלך, מען האט געשריבען ספרים, להיות כל איש שורר בביתו, ומדבר כלשון עמו. יעדער איז ביי זיך אינדערהיים א בעל הבית, און ער זאל זיין שורר בביתו, און מען דארף רעדן כלשון עמו. די צווייטע בריוו איז ארויסגעגאנגען די גזירה, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים. די דריטע בריוו איז ארויסגעגאנגען, להשיב את הספרים, ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם. די דריי אגרות זענען ארויסגעגאנגען.

**אין** די גמרא (שם יב:) שטייט, אלמלא אגרות הראשונות, ווען עס וואלט נישט ארויסגעגאנגען די ערשטע בריוו, לא נשתייר משונאיהן של ישראל שריד ופליט, וואלט נישט איבערגעבליבען פון יודען א שריד ופליט. די ערשטע בריוו האט גורם געווען די גאנצע ישועה. ווי אזוי, זאגט די גמרא, אז ווען עס איז אנגעקומען דער ערשטער בריוו אז יעדער זאל זיין א שורר בביתו, האט יעדער געזאגט, אז דער מלך איז אראפ פון זינען. ער דארף שרייבען א בריוו, פאר יעדען איינעם, אז דו זאלסט וויסען, אז דו ביסט דער בעל הבית אינדערהיים?! אפילו קרחה, אפילו דער פשוט'סטער מענטש, בביתו פרדשכא ליהוי, ביי זיך אינדערהיים איז ער דער מושל. יעדער מאן איז דער מושל ביי זיך אינדערהיים, פארוואס שיקט מען ארויס א בריוו, להיות כל איש שורר בביתו. האט מען געזאגט, אז ער איז גערירט געווארן.

**און** אזוי ווי מען האט געזאגט אז אחשורוש איז נישט מיט אלעמען, איז ממילא שפעטער ווען עס איז געקומען די צווייטע בריוו, אז מען זאל הרג'ענען יודען, האבען זיי מורא געהאט צו הרג'ענען די יודען, ווייל זיי האבען געוויסט אז עפעס איז נישט אין ארדענונג אינעם בית המלך. זאגט רש"י, ווען עס וואלט נישט געווען דער ערשטער בריוו, איז תיכף ווען עס וואלט געקומען די צווייטע בריוו, אז יודען זענען פריי פונעם מלך, און מען וועט גארנישט טון, אויב מען וועט הרג'ענען יודען, וואלט מען תיכף אנגעהויבען צו הרג'ענען יודען, אפילו מען האט באשטימט א שפעטערע זמן, אז עס וואלט נישט איבערגעבליבען פון יודען א שריד ופליט. קומט

אויס אז די אגרות ראשונות האט גערעכנט דעם כלל ישראל. מוז מען אויך ליינען די ערשטע חלק פון די מגילה, ווייל די ערשטע חלק פון די מגילה האט צוגעברענגט דערצו, אז מען האט ארויסגעשיקט די אגרות ראשונות, און כלל ישראל איז געבליבן.

**ווער** איז געווען דער וואס האט געהייסן שרייבן דעם בריוו, פון להיות כל איש שורר בביתו. ממוכן. ווער איז געווען ממוכן. ביי אונז אין די גמרא (שם) שטייט, אז עס איז געווען המן. אבער תוספות ברענגט צו א מדרש (פרקי דרבי אליעזר פרק מט), אז ממוכן איז געווען דניאל. און פארוואס האט ער געהאט א אינטערעסע, אז עס זאל ארויסגיין די בריוו להיות כל איש שורר בביתו, ומדבר כלשון עמו. ווייל ער האט חתונה געהאט צו א גרויסע הער'ען, א שרית, און זי האט נישט געוואלט רעדן לשון הקודש, די שפראך פון דניאל, זי האט געוואלט רעדן א פערסישע שפראך, און ער האט נישט געהאט א כח איר צו צווינגען, אז זי זאל רעדן זיין שפראך, האט ער יעצט געטראפען א געלעגענהייט, אז דער מלך זאל ארויסשיקען א בריוו להיות כל איש שורר בביתו, ומדבר כלשון עמו, וועט ער איר קענען צווינגען, אז זי דארף רעדן אזוי ווי דער מאן רעדט.

**לויט** ווי מען האט פריער גערעדט, קען מען צוגעבן צו דעם נאך א נקודה. דניאל איז דאך געווען א בעל רוח הקודש, און ער האט געוויסט אז עס וועט שפעטער ארויסקומען א גזירה אויף יודען, האט ער פארשטאנען, אז אויב ער וועט יעצט ארויסשיקען א בריוו, להיות כל איש שורר בביתו, דאס וועט צוריקהאלטען אז כלל ישראל זאל בלייבען, ווייל מען וועט זאגען אז אחשורוש איז צומישט געווארן. וועגן דעם האט ער געהייסען, אז מען זאל ארויסשיקען דעם בריוו, ווייל דניאל האט צוגעגרייט מיט דעם די ישועה אויף שפעטער.

**דניאל** האט געהאט זייער א גוטן חשבון, פארוואס ער האט געהייסען שרייבען דעם בריוו, אבער פארוואס האט אחשורוש מסכים געווען צו שרייבען אזא בריוו, וואס ער וועט אויסקוקען צו זיין א שוטה. איז דאך דא א מחלוקת אין די גמרא (שם יב.) צו ער איז געווען א מלך טיפש, אדער א מלך פיקח. אויב ער איז געווען א מלך טיפש איז נישט א קשיא, פארוואס ער האט עס אנגענומען, ווייל מען האט אים איינגערעדט, האט ער געשריבען. אבער אויב ער איז געווען א מלך פיקח, איז עס א חלק פונעם נס, אז מען האט אים צוגענומען דעם שכל, כדי עס זאל ארויסגיין אזא בריוו, און דאס וועט זיין שפעטער א ישועה, אז עס זאל איבערבלייבען א שריד ופליט פון כלל ישראל.

**קומט** אויס, ווער האט גורם געווען די גאנצע נס פון פורים. דניאל, וואס האט געהייסען שיקען דעם ערשטען בריוו, פון להיות כל איש שורר בביתו. וועגן דעם איז נוהגין לאכול זרעונים בפורים, א זכר אויף דניאל וחביריו וואס זיי האבען געגעסן זרעונים, א רמז אויף דעם, אז דניאל איז געווען דער וואס האט געהייסען שיקען דעם ערשטען בריוו, און וווען נישט אים, וואלט נישט געבליבען א שריד ופליט ביי יודען. מאכט מען א זכר אויף דעם ערשטן בריוו, וואס איז געווען דאס וואס האט צוגעברענגט צום נס, וואס איז געווען שפעטער.

**וועגן** דעם עסט מען המן טאשן אין פורים, וואס האט דריי עקן, א רמז אויף וכתבתי לך שלישים. די גאנצע ענין פון פורים באשטייט פון ושלישים. מחיית עמלק אין תורה נביאים וכתובים, און די נס האט זיך געמאכט פון די דריי אגרות וואס איז ארויסגעגאנגען. וועגן דעם מאכט מען א זכר דערויף אינעם המן טאש, וואס איז פון דריי עקן, צו ווייזען אויף די ענינים פון דריי.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **בעריל בערקא** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **מרדכי גרינבוים** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של ש"ב בת **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, שהתקיים באולם טאהש.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הרב **מאיר איתמר שווייד** שליט"א (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **לייבוש רובינפעלד** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם עטרת אברהם.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה שהתקיים בבית הר"ר **מנשה יצחק פריינד** הי"ו.

*

***יום שני פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר וומסב"ג, עב"ג **בת הרה"ג רבי מנחם צבי כהנא שליט"א** דומ"ץ קארלסבורג (וומסב"ג), שהתקיים בביהמ"ד סאטמאר (וומסב"ג). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של ש"ב **בת הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, שהתקיים באולם פאוינט פלאזא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

*

***יום שלישי פרשת כי תשא***

בשעות הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** אצל **כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א** (וומסב"ג).

כמו כן ביקר **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **מאיר לייב פארקאש** הי"ו.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יהוסף לאקס** נ"ו, בן הר"ר **חיים לאקס** ע"ה, שהתקיים באולם קאנטינענטאל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מיר** שטייען נאנט צו די טעג פון פורים, וואס האט א קשר צו די שמחת בר מצוה. מען געפונט אין די גמרא (בבא קמא פז.) אז עס איז דא א מחלוקת צו א סומא איז פטור מן המצות צו נישט. און רב יוסף איז געווען א סגי נהור, און מעיקרא האט רב יוסף געמיינט, אז אויב די הלכה איז ווי רבי יהודא, אז א סומא איז פטור מן המצות, און ער איז פטור פון מקיים צו זיין די מצות פונעם אייבערשטען, און פון דעסטוועגען דאך איז ער עס מקיים, וועט ער האבען א גרעסערע שכר אויף די קיום המצוה. האט ער געזאגט, אז ווער עס וועט אים זאגען, אז די הלכה איז ווי רבי יהודא, וועט ער מאכען א יומא טבא לרבנן, ווייל ער איז פטור פון מקיים צו זיין די מצות, און פון דעסטוועגען דאך איז ער עס מקיים.

**שפעטער** האט ער געהערט אז רבי חנינא האט געזאגט, אז גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, אז א מצווה ועושה איז חשוב'ער פון א אינו מצווה ועושה, האט ער געזאגט פארקערט. אז ווער עס וועט אים זאגען, אז די הלכה איז נישט ווי רבי יהודא, און ער איז יא א מצווה ועושה, וועט ער מאכען א יומא טבא לרבנן, ווייל ער איז מקיים די מצוה אזוי ווי א מצווה ועושה, און ער וועט האבען מער שכר. - זעהט מען, אז ווען מען ווערט א מצווה ועושה, איז עס א יום טוב. כאטש מען איז מקיים אלע מצות פאר די בר מצוה אויך, אבער דעמאלטס איז ער עס מקיים אלץ אינו מצווה ועושה, אבער ווען מען ווערט בר מצוה, קומט צו א חשיבות אין די מצוה, אז ער איז עס מקיים אלץ מצווה ועושה.

**פורים** געפונט מען אויך, אז חז"ל זאגען (שבת פח.) קימו וקבלו (אסתר ט-כז), קיימו מה שקבלו כבר. ווען יודען האבען מקבל געווען די תורה, איז געווען כפה עליהם הר כגיגית (שבת פח.), און מען האט געהאט א מודעה רבה לאורייתא. מען האט געקענט האבען א וועג, ווי אזוי מען זאל זיך קענען ארויסדרייען פון קיום המצות, ווייל מען האט אונז כופה געווען מקבל צו זיין די תורה, און מען איז נישט מחוייב צו האלטען די תורה. און אפילו ווען מען איז יא מקיים די תורה, איז עס נאר ווי א אינו מצווה ועושה. אבער ווען עס איז געקומען פורים און יודען האבען געזען די אהבה פונעם אייבערשטען, האבען זיי מקבל געווען די תורה מאהבה. קיימו מה שקבלו כבר, זיי האבען יעצט מקיים געווען, דאס וואס זיי האבען מקבל געווען פון פארדעם.

**אין** די משתה ושמחה פון פורים איז דא צוויי חלקים. אויסער די משתה ושמחה אויף די נס וואס דער אייבערשטער האט אונז געטון, קומט דאך אויס לויט די גמרא, אז ווען מען ווערט א מצווה ועושה, מאכט מען א יומא טבא לרבנן. און מיר זענען דאך אלע געווארן א מצווה ועושה אין די טעג פון פורים, איז די משתה ושמחה כולל אין זיך, נישט נאר א הודאה אויף די נס, נאר מען איז עס אויך קובע א יום טוב, אויף דעם וואס מיר ווערן א מצווה ועושה.

*

***יום רביעי פרשת כי תשא – תענית אסתר***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת שלעזינגער ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר שלעזינגער** ע"ה).

*

***יום חמישי פרשת כי תשא - פורים***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמור"י העיר וקרובי המשפחה. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב, אחר תפלת מעריב, נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש, והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה - ניגוני חב"ד עתיקים - המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת. **רבינו שליט"א** דיבר בשבח הניגונים שנתחברו ע"י חסידים נודעים אנשי מעשה, אשר רישומם ניכר, ומעוררים את הנשמה, ולעומת זה הניגונים שמתחברים כהיום, הנעשים בברבורים ושליו ודגים, אין להם שום רגש, וטעמם וריחם פג אחר זמן קצר. בעת הסעודה האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו ברכת כהן על ראש צאצאיו ובני המשפחה שיחיו.

בעת שניגנו הזמר 'הוא אלקינו וכו' והוא יושיענו ויגאלנו שנית לעיני כל חי', אמר **רבינו שליט"א** לבאר הכוונה במה שאומרים 'ויגאלנו שנית', הלא כבר היתה כמה גאולות במשך ימי הגלות, על פי מה שאמרו (מגילה יא.) אימתי ראו כל אפסי ארץ את ישועת אלקינו, בימי מרדכי ואסתר. וברש"י, שהדבר נגלה לכל האומות שהלכו אגרות בכל העולם, נמצא שבימי מרדכי נתגלה הגאולה בכל העולם. וזהו מה שמבקשים 'ויגאלנו שנית לעיני כל חי', שלעתיד תהיה הגאולה השניה לעיני כל חי, והיה ה' למלך על כל הארץ.

לערך בשעה תשע וחצי עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר אף על קצה המזלג גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה קרוב לשש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין בערגה בעת שזכה לחסות בצל צדיקים הקודמים, כשזכה לראות עבודתם ותהלוכותם בקודש בעת הסתופפותו בצלם, שיחות קודש במעלת התפלה ועבודתה, דברי חיזוק באמונה ובטחון ואהבת השי"ת, ולנצל שבתות קודש להתדבק בהשי"ת בתפלות ושירות ותשבחות, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה, **ורבינו שליט"א** מגביר השירה והשמחה באופן נעלה מאוד. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח רבי **שרגא בלומענבערג** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**. – מה מאוד גברו הריקודין והשמחה עת שעלה **רבינו שליט"א** על השולחן אשר לפני ה', ומפזז ומכרכר בכל עוז בשבח והודיה להשי"ת, בניגוני אשרנו מה טוב חלקינו, טוב להודות לה', ואילו פינו מלא שירה, וטהר לבנו, נאר אמונה וכו'.

כמו כן הטיב נגן בכינור הב' המופלג **נחמן גלויבער** נ"ו מתלמידי ישיבתנו הק', בניגוני התעוררות עתיקים מעוררי לב ונפש, ואחר כך בניגוני שמחה וחדוה לכבוד היום.

עם סיום השולחן לפני ברכת המזון אמר **רבינו שליט"א:** הנה הולכים עכשיו לברך ברכת המזון, ואחר כך יתקיים ה'באטע' בשירות ותשבחות לה'. וחזר על אמרתו של **הרה"ק בעל אמרי חיים מוויזניץ זי"ע** על הפסוק (דברים ה-כז) שובו לכם לאהליכם ואתה פה עמוד עמדי, שאמר

בדרך צחות, לזה שמוכרחים לדבר אליו בלשון רבים, שובו 'לכם', וואס מאכט איר, לו אגיד 'לאהליכם', שיכול לשוב לביתו ולנוח קצת. אבל 'ואתה', זה שאפשר לדבר אליו כדבר איש אל רעהו, וואס מאכסטו וכדו', לו אבקש פה עמוד עמדי, בלייב דא מיט מיר.

בברכת המזון נתכבד הרה"ג **רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ואחר כך התחילו בשירה וזמרה לכבוד יום השבת הממשמש ובא, בניגוני דביקות 'ויהיו רחמיך מתגוללים' (מזמר י-ה אכסוף), ואחר כך ניגון השבת נועם הנשמות (ניגון תולדות אהרן). **רבינו שליט"א** התחיל שיחת קדשו על השבתות קודש שזכה לשהות בצל **הרה"ק מסקווירא זי"ע** [ששם מנגנים ניגון י-ה אכסוף הנ"ל בכל ליל שבת קודש], ואצל **הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע**, ועבר בשיחה ארוכה על גודל קדושת יום השבת, אשר בה זוכים כל ברואי מטה להעיד על בריאת שמים וארץ על ידי הקב"ה, וצריכין לנצל שעות יום השבת קודש בתפלה ושירות ותשבחות, להתרומם ולהתדבק אליו ית"ש במדרגה נעלית. בתוך השיחה גם ניגן **רבינו שליט"א** הזמר 'ישמחו במלכותך' (וויזניץ) ברוב שמחה ודביקות.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** ברטט קודש דברים המעוררים את הלב להתבונן בעת שעומדים אחר חצות הלילה, אשר מלפנים בשנות קדם היו חסידים ואנשי מעשה מקוננים בשעות אלו על חורבן בית מקדשינו. ובזוהר הק' איתא שהקב"ה יורד לגן עדן התחתון אחר חצות הלילה, ואנו זוכים כעת לשמח את השכינה, שאנו יושבים בשעות מאוחרות הללו להודות ולהלל ולשבח את בוראנו, המשים נפשנו בחיים ולא נתן למוט רגלנו. והמשיך לבאר הכתובים באתי לגנ"י אחותי כלה בשייכות לנס פורים בחצר גינת הביתן. – עם סיום שיחת קדשו, יצא **רבינו שליט"א** בריקודין נלהבים על מקומו, והציבור התרוממו בשמחה עילאה לאין ערוך. אחר כך עברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

***<u>בקצירת האומר נצטט איזה פניני אורה שנשמעו מפי רבינו שליט"א במשך עריכת השולחן הטהור לכבוד היום:</u>***

♦ אחר הזמר אהללה לאלקי בעודי, ביאר **רבינו שליט"א** הכוונה, שאף על פי שלפעמים אין האדם שמח בהשנים שעברו עליו, שלא נצל אותם כראוי לעבודת השי"ת, אבל אזמרה לאלקי 'בעודי', על מה שאפשר לעבדו עוד בשנים הבאים, ואשרי זקנותינו שכיפרה על ילדותנו.

♦ בשיחה על כח התפלה אמר **רבינו שליט"א** שחשב בעת שהתפלל תפלת ערבית, מה שאומרים 'תפלה לא-ל חיי', שעצם הדבר שיכולים להתפלל לפני ה', ולשפוך לפניו שיחו על כל צרכיו, זהו כל חיותינו, שעל ידי זה אנחנו דבקים בו בכל עת ועונה, ומיחלים לחסדו תמיד, וזהו תפלה לא-ל, זהו חיי.

♦ אחר כך האריך **רבינו שליט"א** לבאר הכתובים, בעת שקבלו עליהם ישראל לעשות את ימי הפורים, דכתיב על כן היהודים הפרזים וגו' שמחה ומשתה ויום טוב ומשלוח מנות, ואחר כך ויכתב מרדכי וגו' לקיים עליהם להיות עושים וגו' ימי משתה ושמחה ומשלוח מנות ומתנות לאביונים. וצריך ביאור שמתחלה נכתב שמחה ומשתה, ואחר כך כתיב משתה ושמחה. ויש לומר דהכוונה דהנה יום טוב לא קבלו עליהם כמבואר בגמרא (מגילה ה:), והנה בכל יום טוב הקב"ה משרה רוח של שמחה על בני ישראל עם קרובו, והוא על פי מה שאמרו (ר"ה ו:) אשה בעלה משמחה, וכנסת ישראל כלה קרואה בנעימה, והקב"ה מחויב לשמחם ברגל. ולכן בראשית הדברים כשעשו אותה יום טוב כתיב שמחה ומשתה, שירדה רוח של שמחה ואחר כך עשו גם משתה, אבל אחר כך שלא קבלו עליהו לעשותם יום טוב, הוצרכו לעשות משתה שמעורר השמחה, ומחיוב איניש לבסומי בפוריא.

והטעם במה שלא קבלו עליהם לעשות אותם 'יום טוב', אמר **רבינו שליט"א** שנראה לו לאמיתה של תורה, על פי מה שאמרו (שבת קמה:) שהמועדים בארץ ישראל נשבתים על ידי בולשת וכדומה, וזה בא על ידי הקללה שנאמר (הושע ב-יג) והשבתי כל משושה חגה חדשה שבתה וכל מועדה, ולכן לא רצו בני ארץ ישראל לקבל עליהם ימי הפורים ליום טוב, שרצו לשמוח ביום זה בלי שום מניעה וקללה, ושמחתם לא תושבת, רק לעשות אותם ימי משתה ושמחה בשלימות.

♦ בעת אכילת הדגים ישב **רבינו שליט"א** בעינים סגורות בדביקות עצומה, ואחר כך פתח את אמריו באלו הדברים: כתוב בתורה פרו ורבו, והכוונה להעמיד דורות נאמנים שימשיכו בדרך התורה, שיהיו ראויים לקבל פני משיח צדקנו. ולא לסטות ח"ו מהדרך שקיבלו

מאבותינו, ולא להתחכם עליהם. הראשונים היו כמלאכים, ואנו אין נחשבים נגדם אפילו כקליפת השום. ואם לא תדעו לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן, ואל תטוש תורת אמך. וסיפר בשם הרב **אשר פארסט** ע"ה מנכבדי וזקני קהלתינו הק' שהסתובב הרבה אצל **הגאון רבי מאיר אריק זצ"ל**, ולהגאון הנ"ל היה בן שלא היה כמו אביו [**רבינו שליט"א** הוסיף שעובדא זו בודאי יהא לזכותו, ואינו מזלזל ומגנה ח"ו בכבוד יהודי], ופעם התוכח עם אביו בעניני ציונות וכדו', ואמר לו אביו כדברים האלה: **זאלסט וויסן, וויפיל שכל דו האסט אין דיין קאפ, האב איך אינעם קליינעם פינגער'ל פון מיין פוס. וואס דו טראכסט אין א חודש, קען איך טראכטן אין איין מינוט. און איך זאג דיר, אז די וועג וואס דו גייסט, איז נישט גוט.** ומזה נוכל ללמוד על היכן מגעת כוחן של ראשונים, וצריכים לבטל דעתנו העניה לדעת גדולי ישראל הקודמים.

**וזהו** הענין מה שראינו אצל הצדיקים שחלקו שיריים מהדגים, לפי מה שכתוב בתרגום על הפסוק (בראשית א-כב) פרו ורבו [שנאמר בבריאת הדגים] פוש"ו וסגו, שרצו להמשיך לבאי צל קורתם בחלוקת הדגים, שבניהם אחריהם יוכלו להמשיך ולהתגדל בדרך הישר והטוב. והמשיך **רבינו שליט"א** ואמר: איך מיין אז עס זענען דא ווייניג מענטשען וואס זענען נאך געווען ביים **סאטמארער רב זי"ע'ס** טיש, וואס זיי האבן געזעהן ווי אזוי ער האט געטיילט פיש. איך בין יא געווען, אסך יארן בין איך געווען ביי אים, איך רעדט נישט פון די קראנקע יארן ל"ע וואס ער איז אדורכגעגאנגען, איך האב אים אסאך געקענט אין די געזונטע יארן. ער האט כמעט קיינמאל נישט געגעבן קיין פיש פאר א בחור. זייער זעלטן וואס ער האט געגעבן א שטיקל פיש פאר א בחור, ווייל פיש וואס מען האט געגעבן, דאס איז פרו ורבו - פושו וסגו, ער האט אוודאי אינזין געהאט מזכה צו זיין יעדן יוד וואס ער האט געגעבן פיש, אז ער זאל זעהן אויפצושטעלן ערליכע יודישע דורות. איך האב אסאך מאל זוכה געווען צו באקומען פיש פון אים, און היינו דאהני לי, און איך בין עס מחשיב, און איך בין אים מכיר טובה אויף דעם וואס ער האט מיר געגעבן, ווייל וואס מען האט געזען אין די יוגענט בלייבט אויף שטענדיג, עס איז נישט דא א זאך וואס ווערט פארלוירען, אלעס וואס מיר האבן מקבל געווען אין די יוגנט, האט איבערגעלאזט א געוואלדיגער כח אויף שפעטער. איך בין געווען א יונגערמאן ווען דער **סאטמארער רב זי"ע** איז נסתלק געווארן, אבער איך בין אסאך שבתים געווען ביי אים, בשעת ער איז נאך געווען געזונט. איך האב נאך זוכה געווען צו זעהן זיינע טייערע שבתים, ווי אזוי ער האט עס אפגעראכטען פארן רבונו של עולם. איך דאנק דעם רבונו של עולם, האסט נישט געקענט טון מיט מיר א גרעסערן חסד, ווי דאס וואס איך האב זוכה געווען משמש צו זיין ערליכע יודן. אסאך מאל אין יאר האב איך חלומות מיטן **סאטמארער רב זי"ע** ווי אזוי איך בין עומד ומשמש, איך שטיי און באדין אים. איך פיל אז ער האט מיר געגעבן אסאך כח צו דעם וואס איך בין צוגעקומען ביז יעצט.

אחר שהמשיך **רבינו שליט"א** ברגש בדברי ציפיה וגעגועין לביאת משיח צדקנו, סיים אמריו: איך וויל יעצט געבן פיש פארן כלל ישראל, איך וואונטש ענק פושו וסגו, דער אייבערשטער זאל געבן, אז איר זאלט קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות ווייטער אויך, מען זאל קענען ממשיך זיין דעם שלשלת הקודש פון כלל ישראל, דער אייבערשטער זאל ענק געבן געזונטע קינדער בגשמיות, געזונט קינדער ברוחניות, מען דארף אסאך מתפלל זיין אינעם היינטיגען דור אז די קינדער זאלן זיך פירן ערליך, און גיין בדרכי אבות. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז די אלע וואס האבן נישט קיין קינדער זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער, או די וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן קינדער, זאלן האבן ערליכע קינדער. ואמר בבכי: קינדער וואס זאלן גיין בדרכי אבותינו ורבותינו, מען דארף היינט האבן אסאך סייעתא דשמיא אויף די דורות, מען זאל נישט פארפאלן ווערן, מען זאל נישט אוועקגיין אויף קרומע וועגן, עס זאל נישט זיין קינדער וואס זאלן זיין קלוגער פון אונזערע עלטערן. דער אייבערשטער זאל אונז געבן דורות וואס זאלן קענען מקבל זיין פני משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

♦ באחד השיחים בעת שחזר **רבינו שליט"א** על דברי קדשו של מרן **החתם סופר זי"ע** בביאור פסוקי המגילה, הוסיף כדברים האלה: דער הייליגער **חתם סופר** איז מיין רבי, איך ריר זיך נישט אן דעם **חתם סופר**, אלע

מיינע הארות וואס איך האב אין תורה הק' בין איך זוכה אין זכות פונעם **חתם סופר**. מיר ווייסען נישט וואס מיר האבן פארמאגט אויף די וועלט, די אוצר וואס דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט אין זיינע הייליגע ספרים, איז למעלה מן הדעת, העכער פונעם פשוט'ן שכל. איך מיין אז אין גאנץ פרעשבורג, איז אפשר געווען געציילטע יודען וואס האבן פארשטאנען וואס דער **חתם סופר** האט גערעדט, אזוי גרויס איז געווען דער הייליגער **חתם סופר**. דער אייבערשטער זאל מיר געבן לעתיד לבוא, אז איך זאל צוקומען צו זיין א באדינער אינעם שטוב פונעם **חתם סופר**. די גילויים פונעם הייליגע'ן **חתם סופר** אין תורה הק' איז אן א שיעור און אן א ערוך. דאס וואס דער **חתם סופר** האט מחדש געווען אין תורה איז כמעט לא קדמה לפניו ולא לאחריו. זייט איך האב זיך מדבק געווען אין די הייליגע ווערטער פונעם **חתם סופר**, איז מיין לעבן געווארן א אנדערע לעבן.

**פארוואס** פארצייל איך עס פאר ענק? ווייל איך וויל אז עטס זאלטס ענק אויך מדבק זיין אין די ווערטער פונעם **חתם סופר**. איר וועט זעהן, אז ווען איר וועט לערנען **חתם סופר**, וועט איר ווערן אנדערע יודען פון וואס איר זענט געווען פארדעם. דער הייליגער **חתם סופר'ס** ווערטער איז אזוי הייליג, אזעלכע הארות, אזעלכע גילויים אין תורה הק', וואס איז נישט געווען פאר דעם און כמעט נישט נאך דעם. עס איז אוודאי געווען, מיר קענען דאך נישט מדמה זיין די מדריגות פון צדיקים, איך מיין אבער, וואס עס איז געשריבען געווארן, אז עס זאל זיין א נחלה פאר דורות, דאס איז א זעלטענהייט. יעדער יוד ווען ער וועט זיך מתבונן זיין, קען טרעפן דערין א געוואלדיגע וועג פאר אים, ער זאל קענען גיין אין עבודת ה'. דער הייליגער **סאטמארער רב זי"ע** האט געזאגט, אז ווען ער זוכט א גוטע דרוש אגדה, קוקט ער אין **ישמח משה**, און ווען ער זוכט א גוט שטיקל דרוש חסידות, קוקט ער אין **חתם סופר**.

♦ אחר דברי בדחנות שח בארוכה על גודל הזכיה מה שאנו מקדשים שמו יתברך בכל יום תמיד בשלש קדושות לקדוש, ועיקר תענוגו של הקב"ה אינו על ידי מה שמקדשים אותו בשמי מרום מלאכי מעלה, רק מלא כל הארץ כבודו, קדיש על ארעא עובד גבורתיה, כאשר האדם הקרוץ מחומר, המסובב בנסיונות הזמן ותענוגי עולם הזה, נכנס לבית המדרש ומקדש את שמו יתברך, ורוצה להתרומם אל ה', בזה הקב"ה נתמלא נחת רוח וכבוד שמים מתרבה.

*

***שבת קודש פרשת כי תשא***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **בערל דייטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן הרב **אברהם יהושע אשר ווייסבלום** שליט"א (בן האדמו"ר משעדליץ שליט"א, חתן אב"ד בראד שליט"א), שהתקיים באולם אימפיריעל.